## זיסי  ווײַצמאַן

# אַ פֿריילעכער רעגן



לידער

ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור



ISBN 978-965-7094-94-5

# זיסי ווייצמאַן / אַ פֿריילעכער רעגן



ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור

3

הרשות הלאומית לתרבות היידיש
נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

Zisi Weytzman

# זיסי ויצמן

A freylekher regn

## גשם שׂמח

Poems

שירים

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר

*Copyright©Zisi Weytzman 2016*

כל הזכויות שמורות למחבר

רעדקאָלעגיע פֿון דער

״ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור״

װעלװל טשערנין

לעאָניד שקאָלניק

מיכאל פֿעלזענבאַום

דבֿ־בער קערלער

*צוגעגרייט צום דרוק – דפוס שחף*

דאָס בוך גייט אַרויס מיט דער הילף פֿון
נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

Printed in Israel, 2016

נדפס בישראל, תשע״ו

זיסי ווייצמאַן

# אַ פֿרײלעכער רעגן

## לידער

תּל־אָבֿיבֿ

תּשע"ו – 2016



זיסי ווייצמאַן איז געבוירן געוואָרן אין בעלץ, מאָלדאָווע אין 1946. ער האָט זיך געלערנט אין אַ מיליטערישער בוישול. אַ סך יאָרן האָט ער געדינט ווי אַן אָפֿיציר פֿונעם סאָוועטישן אײַזנבאַן־מיליטער אויפֿן ווײַטן מזרח פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד.

דעביוטירט מיט לידער אויף די שפּאַלטן פֿונעם מאָסקווער זשורנאַל ״סאָוועטיש היימלאַנד״ אין 1971. בעת זײַן מיליטער־דינסט אויפֿן ווײַטן מיזרח האָט ער פֿאַרקניפּט ענגע באַציִונגען מיט דער רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג ״ביראָבידזשאַנער שטערן״. אַ סך זײַנע לידער זײַנען געווידמעט דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אין 1986 האָט מען זיסי ווייצמאַנען איבערגעפֿירט דינען אין דער שטאָט סאַמאַרע בײַ דער וואָלגע. דאָרט האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם שאַפֿן די אָרטיקע ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿט ״תּרבות לעם״, ער איז געווען דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם רעדאַקטאָר פֿון דער סאַמאַרער רוסיש־שפּראַכיקער ייִדישער צײַטונג ״תּרבות״, ווי אויך אָנגעפֿירט מיט דער ייִדישער רעדאַקציע פֿון דער אָרטיקער ראַדיאָ־סטאַנציע ״ראַדיאָ 7״. זיסי ווייצמאַנס לידער האָבן זיך געדרוקט אין קעשענעווער ״אונדזער קול״, ניו־יאָרקער ״פֿאָרווערטס״, ירושלימער ״קינד־און־קייט״. עטלעכע זײַנע לידער זײַנען דערשינען אין עקיבֿא נופּס העברעיִשע איבערזעצונגען אויף די שפּאַלטן פֿון דער תּל־אָבֿיבֿער וואָכנשריפֿט ״זו הדרך״. אין 1992 איז אין סאַמאַרע דערשינען זײַן לידער־זאַמלונג ״לחיים״ אין לעאָניד שקאָלניקס איבערזעצונג אין רוסיש. זיסי ווייצמאַן איז עולה געווען אין ישׂראל אין 2007, פֿון דעמאָלט אָן וווינט ער אין באר־שבֿע.

# אינהאַלט


דער שלײַפֿער 9

*די דאָזיקע ליד איך האָב ערגעץ געהערט 10*

אַ געשפּרעך 11

די חתונה 12

זוניק און קיל 13

דער טײַך סעלעמדזשאַ 14

פֿריילעך און מונטער 15

בירָאָבידזשאַנער בלומען 16

קינדערליד 17

אַ פֿייגעלע 18

אַ בריוועלע דעם זיידן 19

אַ לידעלע 20

עס שיט אַ שניי 21

און אויב צומאָל 22

מיכאָעלס 23

לאָמיר אַלע 24

ס׳איז גוט אויף דער וועלט 25

געזעגענונג 26

ניין, כ׳בין ניט דאָן־קיכאָט 27

*אויב דו וועסט פֿרעגן, צו וואָס איך לעב אויף דער וועלט 28*

*אין דער מאָדנער וועלט אַזאַ מעשׂה קומט פֿאָר 29*

*נו, איז וואָס זשע, אַז ס׳איז ביטער 30*

לאָמיר זאָגן דעם אמת 31

זאָגט דער רבונו־של־עולם 32

*ווי אַזוי דיר דערקלערן, זונעניו 33*

אַ שטעכלער 34
פּרימעוואַראַ 35
*ס׳איז עפּעס אַ ביסעלע מאָדנע 36*
דער שײַטער 37
רעגן־בויגן 39
אַ שניי אין מאַרט 40
קומט! 41
צום טרומייטער 42
מײַן האַרץ 43
מאַמע־לשון 44
אַ דערמאָנונג 45
אין מײַנע קאַנטן 46
*אויפֿן שליאַך געדרוימען 47*
פֿאַרלאָז מיך ניט 48
דער לץ 49
עס טראָגט מײַן זכרון 50
צום לייענער 51
*ווען סע שטאַרבט אָפּ אַ בוים 52*
דעם טאַטנס ניגון 53
ניין, כ׳בין ניט דאָן־קיכאָט 55
*שעקספּירן וועלן נאָך קומען 56*
*לעאָניד שקאָלניק "זיס" ווייצמאַנס ייִדישע אַריפֿמעטיק״ 57*

## דער שלײַפֿער

מײַן אַלטיטשקער שלײַפֿער,
דו, מײַסטער פֿון פֿײַער,
דו ביסט, ווי אַ זכר
פֿון קינדהייט מיר טײַער.
איך האָב זיך פֿאַרבענקט
נאָך דײַן קונציקער ראָד,
און כ׳האָף, אַז ביז איצטער
נאָך פֿונקען זי האָט...

עס האָט מיך דער אַלטיטשקער
שלײַפֿער דערהערט,
און ס׳האָט זיך אַ דריי געטאָן
ווידער די ערד.

דאָס רעדעלע דרייט זיך,
און פֿונקען זיך שיטן –
אַ פֿריילעכער רעגן,
און איך בין אין מיטן.

דאָס רעדעלע דרייט זיך,
און בלוי איז דער רוים,
עס האָט אומגעקערט זיך
מײַן קינדערשער טרוים.
אין טײַגע, בײַ טײַכן
פֿאַרשווונדן די קעלט.
צו מיר איז קיין גלײַכער
ניטאָ אויף דער וועלט.

* * *

די דאָזיקע ליד האָב איך ערגעץ געהערט.
ס׳קאָן זײַן, אַז נאָך אין די קינדער־יאָרן
כ׳האָב זי אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד
און פֿון דעמאָלט כ׳בין גליקלעך געוואָרן.

די דאָזיקע ליד איך האָב ערגעץ געהערט.
ס׳קאָן זײַן, אין דער צײַט פֿון די ווינטן האַרבע
איך האָב פּשוט באַנומען איר ווערט
און באַהאַלטן טיף אין האַרצן.

מיט איר סע סטראַשעט מיך ניט די קעלט,
ניט די היץ, ניט דער רעגן געבענטשטער.
די דאָזיקע ליד איך האָב ערגעץ געהערט.
הערט אויס זי אויך, איך בעט אײַך, מענטשן.

## אַ געשפּרעך

- חבֿר פּאָלקאָווניק, חבֿר פּאָלקאָווניק,
פֿון וואַנען איר שטאַמט? פֿון בערדיטשעוו, פֿון קאָוונע?
זײַט מוחל, איך בעט, פֿאַר דער דאָזיקער קשיא –
נאָר די אויגן בײַ אײַך – ווי צוויי שוואַרצינקע קאַרשן,
די האָר - פּונקט ווי מײַנע, די נאָז – ווי בײַ מיר...
שטיל דער פּאָלקאָווניק פֿאַרמאַכט האָט די טיר...

ער רייכערט, פֿאַרקלערט, גאָר אַ פֿילטער־ציגײַער:
״זאָג, קודם־כּל, לייטענאַנט, דו מײַן טײַערער״, –
אויף מאַמע־לשון מיט מילדקייט און חן, –
״ווּו איז אונדזער געבענטשטע היים?״

## די חתונה

די חתונה האָט געברויזט, ווי ביר,
אין דער פֿרי איז צום סוף געקומען.
דאַרף מען מאַכן דעם חשבון מיר,
וואָס האָט יעדער פֿון איר באַקומען.

אַ שיינעם טיש – דעם עולם געשטעלט,
אומרו – די שכנים, קינאה – די שׂונאים,
דער אַלטער מאַמעניו מייַנער – אַ פֿרייד,
אַ בכּבודיק אָרט – די שדכנים.

דעם, ווער עס טרינקט – אַ ים פֿון ווייַן,
דעם, ווער עס טאַנצט – פֿון ״פֿריילעכס״ אַ שטורעם...
אָבער מיר, חבֿרה, – אַ יונגע ווייַב.
מער פֿון אַלע האָב איך באַקומען!

*1969*

## זוניק און קיל

דו ביסט גערעכט: ס׳איז געקומען דער אָסיען.
אוי, דו ביסט גערעכט: ס׳איז אַוועק שוין דער זומער...
מיט גאָלדענער שײַן די שטאָט איז באַגאָסן,
און ס׳שמעקן די גאַסן מיט פּירות און בלומען.

צײַט, ווען עס שורשען די רויטלעכע בלעטער,
ווען ס׳הענגען די פֿרוכטן, ווי גאָלדענע בעכערס,
און זוניק און קיל איז דער זײַדענער וועטער,
און ס׳לייגט זיך דער פֿריטוי אויף גראָז און אויף דעכער.

נאָר ס׳זינקט נאָך פֿון זומער אין האַרצן דער טומל,
כאָטש ס׳ברענען דיביימער אין האַרבסטיקן פֿײַער.
יאָ, יאָ, ביסט גערעכט: ס׳איז אַוועק שוין דער זומער.
אַוועק איז דער זומער, און דאָך איז ער טײַער.

# דער טײַך סעלעמדזשאַ

סאָסנעס און סאָפּקעס, באַרויִקט זיך, שאַ! -
די קריִע גייט אויף דער סעלעמדזשאַ.
פֿון דרום און מיזרח, פֿאָרנט און הינטן
באַלעבאַטעוועןֹ וואַרעמע ווינטן.

דער רוישיקער טײַך – ווייס איך וויפֿל מעת־לעתן
רײַסט זיך פֿון זײַנע פֿאַרפֿרוירענע נעסטן.
מיט כּעס און מיט צאָרן, מיט ווילדקייט און תּאווה
יאָגט סעלעמדזשאַ דורך דער אייביקער טײַגע.

איך שטייט אויפֿן ברעג אין דער לויטערקייט פֿריִער,
מיט אבֿרים מיט אַלע איך פֿיל שוין דעם פֿרילינג.
דער וואַלד איז נאָך גרוי, נאָר, צו סאָפּקעס געטוליעט,
שפּראָצט אומדערוואַרט פּיִאָלעט דער באַגולניק.

– אַ מאָדנע מלאָכה פֿאַראַן בײַ דעם פֿרילינג
צעברעכן דאָס אײַז, פֿון דער זון זײַן אַ צווילינג,
זיך נעמען אַ מאָס בײַ די רחבֿותן פֿרײַע,
פֿאַרעקשנט די ליכטיקע וועלטן באַנײַען,
און פּלוצעם אין גרויען, ווי ס׳אײַז, אינדערוואָכן
אַ ווײַז טאָן דעם זוניקן שטראַל פֿון בטחון...

# פֿריילעך און מונטער

הײַנט איז בײַ מיר מיטן פֿרילינג אַ קנאַסמאָל,
דער שניי רינט אַראָפּ פֿון דער ערד אָן אַ תּרוץ,
ווי פּאַפּשויִען געפּראַזשעטע קנאַקן די קנאָספּן,
און מע צערברעכט דאָ אַ זוניקן טעלער.

די שערבן די ליכטיקע פֿאַלן אַראָפּ
אויף קעפּ פֿון די ביימער־מחותּנים,
אויף פֿייגל און אויך אויף מײַן היציקן קאָפּ
און אויף מײַן בעסאַראַבער פּנים.

דאָ אויף דער ערד שפּאַן איך מונטער און פֿריילעך
און פּראַווע אין האַרצן די סעודה,
עלעהיי צו דעם קנאַסמאָל איז גרייט שוין מײַן הילוך
און ס׳רודערט אין שטוב אַ גערודער.

# ביראָבידזשאַנער בלומען

כ׳בין פֿאַרנאַכט אין שטאָט אָנגעקומען,
און באַגעגנט מיך האָבן די בלומען.
בלויע - פּונקט, ווי דער הימל אין יון,
רויטלעכע, הייסע, ווי שטראַלן פֿון זון,
געלע, ווי שטילע לבֿנהקע שײַן –
דופּטיקע בלומען פֿון ביראָבידזשאַן.
בלומען – אין גאַסן, בלומען – אין סקווער,
כ׳שטיי ווי פֿאַרכּישופֿט, און צאַפּליק קוועל,
כ׳שטיי, אין דער גרויסער שיינקייט פֿאַרטומלט
צווישן די ביראָבידזשאַנער בלומען.

## אַ קינדערליד

מיך רופֿט מען אַנשל,
דיך רופֿט מען אהרן.
איך האָב ליב ווײַנשל,
דו האָסט ליב באַרן.
דיך רופֿט מעם עטל,
מיך רופֿט מען שלמה.
דו האָסט ליב עפּל,
איך האָב ליב פֿלוימען.
לאָמיר פֿאַרפֿלאַנצן
אינײנעם אַ סאָד,
זינגען און טאַנצן
אַ קאַראַהאָד.
בעסער די אַרבעט –
גרעסער די פֿרייד.
עסט ווײַנשל און באַרן,
עסט עפּל און פֿלוימען
געזונטערהייט.

## אַ פֿייגעלע

דאָס ביכל, וואָס נעכטן
געלייענט האָט לאָרע,
האָט לאָרעס שוועסטערל
אין גאָרטן פֿאַרלאָרן

און פּלוצעם דאָס ביכל
אויף גרינינקן שטעגעלע
דערזען האָט פֿון אויבן
אַ נײַגעריק פֿייגעלע.

עס האָט ניט געקאָנט
נעבעך ליי׳נען דאָס ביכל,
געקוקט האָט עס בלויז
אויף די שיינינקע בילדלעך.

געקוקט און פֿון גרויסן
התלהבֿות געשײַנט:
דערקענט האָט עס זיך
אויף דער זיבעטער זײַט...

## אַ בריוועלע דעם זיידן

מיַין זיידע לייבוש,
אַ קריגס־וועטעראַן,
לעבט שוין פֿון לאַנג
אין ביראָבידזשאַן.

מיַין זיידע לייבוש
געבויט האָט די שטאָט,
איצט שיַינט זי און בליט
ווי אַ פּרעכטיקער סאָד.

די שטאָט ביַי דער בירע
אין האַרץ ביַי מיר ליב.
שריַיב איך דעם זיידן
אַן עקסטרע בריוו:

״חשובֿער זיידע!
שנעל מיט אַ באַן
כ׳וויל צו דיר קומען
קיין ביראָבידזשאַן.

ווי נאָר כ׳פֿאַרענדיק
דעם ערשטן קלאַס.
היַינטיקן זומער
וואַרט אויף אַ גאַסט.

## אַ לידעלע

איך ווייס, כ׳האָב געזען,
ווי אַ זשומענדיק פֿליגל
האָט נעכטן געשפּילט
אויף אַ פֿידל אַ ניגון.
אַזאַ מין קאָנצערט –
אַ מחיה צו הערן!
איר גלייבט ניט, מסתּמא?
איך קאָן זיך איַיך שווערן!

אַ קאַץ מיט אַ מיַיזל –
ביידע איניינעם
האָבן געטאַנצט
אַ קאַדריל אַ שיינע.
עס שיַינט דער פּאַרקעט,
און די טענצער, זיי שוועבן...
איר גלייבט ניט, מסתּמא?
זאָל איך אַזוי לעבן!

דערנאָך איז אַ קו,
ווי אַן אמתער פֿויגל,
צו וואָלקנס קודלאַטע
גאָר פּלוצעם געפֿלויגן,
און שוין פֿון דער הייך
ניט געוואָלט זיך מער קערן.
איר גלייבט ניט, מסתּמא?
איז קאָן איך איַיך שווערן!

## עס שיט אַ שניי

שיט אַ שניי שטילערהייט,
אַזאַ מילדער, ווייכער –
ס׳איז מײַן האָפֿענונג, מײַן פֿרייד
און מײַן אומעט־ווייטיק...

שיט אַ שניי שטילערהייט,
און די גאַסן - אָנגעכמורעט.
אונטער טראָט דער שניי זיך שפּרייט
אַ שורה צו אַ שורה...

מיט דעם גאַנג כ׳גיי פֿאַרטראַכט
אין אַ וועלט אַ ווײַסער,
אין מײַן מאַמעס, ווי מיר דאַכט,
צויבערפֿולער מעשׂה...

## און אויב צומאָל

נעמט, מענטשן, אַלץ צום האַרצן:
דעם זומערדיקן רעגן,
וואָס שעפּטשעט שטיל אַ צאַרטער
אויף זײַנע הימל־וועגן;
נעמט, מענטשן, אַלץ צום האַרצן:
דעם טומל פֿון די וועלדער,
דעם ווינט, וואָס בייז און האַרב איז
און יאָמערט אויף די פֿעלדער.

און אויב צומאָל ווערט שווער,
און עס באַהערשט אַן אומעט,
איז ווער זשע ווייסט ניט, ווער:
דער העלער טאָג וועט קומען!

## מיכאָעלס

עס קלאַפּט דער זכּרון דורך שרעק און פֿאַרבאָטן.
פֿון דער ליכט אויף דער וואַנט פֿאַלט אַ גאָלדענער שאָטן,
פֿאַלט אַ גאָלדענער שאָטן, אַ גאָלדענער פּאַסיק,
און ס׳ווערט אויפֿן האַרצן אַזוי אומעטיק, בלאַסיק...
עס פֿלאַטערט די ליכט, ווי אַן אייביקע מעווע.
די ליכט, די חכמה, איז אין לעבן מבֿין.
זי האַלט דאָך אַ סוד, זי ווייסט אַ געהיימניש
און ס׳ווערט אין דעם רוים אַזוי וואַרעם און היימיש.
איך הייב אויף די ליכט אין דעם מעשענעם לײַכטער,
און כ׳זע, ווי איר שײַן אונדזער אַלוועט באַלײַכט.
עס ווערן פֿאַרשוווּנדן קרבנות, תּלינים,
פֿונעם בלוטיקן שניי שטייען אויף די מיליאָנען.
איך זע אויף דער וואָר זייער ברען פֿון די בליקן,
דעם מלאך־חבלה, זייערע אומגליקן.
נאָר ס׳טליִעט דער אָנדענק דורך שרעק און פֿאַרבאָטן,
און ס׳פֿאַלט אויף דער וואַנט אַ גאָלדענער שאָטן,
אַ גאָלדענער שאָטן,אַ גאָלדענער פּאַסיק,
און ס׳ווערט אויפֿן האַרצן אַזוי אומעטיק, בלאַסיק.

# לאָמיר אַלע

איבער גאָרער  בונטער וועלט
הענגט אַ הימלשער געוועלב.
זעען אויס די שטערן דאָרט,
פּונקט, ווי זעמדעלעך פֿון גאָלד.
וויסן ווילסט דעם חשבון? מילא!
נעם און פּרוּוו זיי איבערציילן...

וואַקסןביימער אין דעם סאָד
און זיי שושקען זיך בסוד
מיט די בלעטער – גרינע צינגלעך,
פּונקט ווי מיידעלעך און ייִנגעלעך.
וויסן ווילסט דעם חשבון? מילא!
נעם און פּרוּוו זיי איבערציילן...

ווײַס די גאַס איז, ווי פּאַפּיר,
אָן אַ סוף און אָן אַ שיעור
שיטן שנייעלעך  און אָט
ווײַס איז שוין די גאַנצע שטאָט.
וויסן ווילסט דעם חשבון? מילא!
נעם און פּרוּוו זיי איבערציילן.

# ס׳איז גוט אויף דער וועלט

זאָג מיר, וואָס טוט מען אין חודש יון,
ווען ביימער זיך שעפּטשען, און הויך איז די זון?
ווען קלינגענדיק, רוישיק אין גרינעם געטומל
עס קומט אָן דער הייסער און פֿריילעכער זומער?
דו עפֿנסט די פֿענצטער, דו עפֿנסט די טיר:
איך וואַרט שוין, מײַן זומער, איך וואַרט שוין אויף דיר!

זאָג מיר, וואָס טוט מען אַ זומער־בײַנאַכט,
ווען ס׳לויכטן די שטערן אין הימל פֿאַרנאַכט?
ווען ס׳בלאָנדזשען אויף אַלע באַנאַכטיקע ראָגן
מיידלעך און ייִנגלעך, אין טרוימען פֿאַרטאָגן?
דאָס ווינטעלע גלעט מיך, אַ פֿריילעכס, אַ צאַרטס,
און אומרויִק קלאַפּט מײַן ניט אײַנגעשטילט האַרץ.

זאָג מיר, וואָס טוט מען אין חודש יון,
ווען צאַפּלדיק זײַנען געפֿילן און יונג?
ווען יעדער געדאַנק - אַזוי זויבער און ריין,
און אַלץ, וואָס אַרום, פֿול מיט ליבע און חן?
לויטער דער טאָג איז, די רחבֿות איז העל,
זינגען עס ווילט זיך – ס׳איז גוט אויף דער וועלט!

**געזעגענונג**

עס איז שוין צײַט צעשיידן זיך, מײַן טײַגע,
מײַן ווילדע חיה און מײַן לינדער פֿרײַנד.
זינג אויס די ליד, וואָס ס׳זינגען בלויז די טײַכן,
צעשפּרייט די שנייען פֿונעם ראַנד צו ראַנד.

אָ, ווײַטער מיזרח, דײַנע בערג און טאָלן
פֿון פֿרילינגצוויט די שיינקייט און די פּראַכט,
די היים, וואָס נאָענט מיר איז זי געוואָרן, -
זי רופט מיך און זי לויכט מיר אין דער נאַכט.

# ניין, כ׳בין ניט דאָן־קיכאָט

כאָטש מאָדנע איז עטוואָס מײַן טראָט, -
ניין, כ׳בין ניט דאָן־קיכאָט...
נישטאָ בײַ מיר אַזאַ בערדל,
איך האָב נישט קיין שווערד און קיין פּאנצער,
מײַן פֿרײַנד רופֿט מען ניט סאַנטשאָ פּאַנסאַ,
נאָר פּשוט אויף ייִדיש – בערל.

ניין, כ׳בין ניט דאָן־קיכאָט.
איך ערלעך פֿאַרדין אויפֿן ברויט,
געפֿונען פֿון לאַנג דולסינייען,
אָבער כ׳בין דאָך ניט אַ ריטער...
איך שרײַב פּשוט ייִדישע לידער
פֿון מענטשן-נחת און ווייען.

* * *

אויב דו וועסט פֿרעגן, צו וואָס איך לעב אויף דער וועלט,
וועל איך דיר זאָגן: די ליכטיקע וועלט מיר געפֿעלט! –
די גאָלדענע טײַגע, דער רעגן, דער רוישיקער ווינט,
די וואָלקנס, וואָס שווימען אין הימל אַזוי ניט געשווינד.
אויב דו וועסט טענהן: קלײַב אויס פֿון פֿאַרשיידנס
בלויז איינס,
וואָס ס׳איז דיר טײַער און ליב אויף דער גאָרער ערד,
וועל איך דיר זאָגן: מײַן היים, מײַן שטעטעלע בעלץ,
וועמעס בעל־חובֿ אויף אייביק מיר זײַן ס׳איז באַשערט...

* * *

אין דער מאָדנער וועלט אַזאַ מעשׂה קומט פֿאָר;
אַשטייגער, ס׳באַווײַזט זיך דאָס נײַע יאָר,
און דו באַמערקסט, אַז אין דײַנע האָר
לויכטן זילבערנע פֿעדעם אַ פּאָר.
אין דער אַלטער וועלט אַזאַ זאַך קומט פֿאָר,
און מע קאָן זיך חידושן נאָר;
ס׳עפֿנט זיך פּלוצעם אַ פּשוטע וואָר,
אַז עלטער געוואָרן ביסטו אויף אַ יאָר.

* * *

נו, איז וואָס זשע, אַז ס׳איז ביטער,
און די נאַכט איז בלינד?
נעם אַראָפּ פֿון קאָפּ דאָס היטל,
גיי אַנטקעגן ווינט.
זאָל דער ווינט די האָר צעוואַרפֿן,
ווי די שטרוי אין פֿעלד.
שפּילט דער ווינט, ווי אויף אַ האַרפֿע,
רוישט אין גאָרער וועלט.
ס׳זאָל דער ווינט מײַן צער צעווייען,
וואָס איז עלנט, שוואַרץ.
ס׳זאָל די פֿרייד שוין – ניט קיין ווייען –
שפּילן אין מײַן האַרץ.
קענסטו אַלץ, מײַן ווינט, מײַן חכם,
טו זשע מיר צוליב...
שווײַגט דער ווינט מיר אויף צו להכעיס,
ס׳הערט זיך בלויז זײַן סקריפּ.

## לאָמיר זאָגן דעם אמת

לאָמיר פֿאַרגעסן פֿון גזרות,
רכילות און בלבולים
און אָנהייבן זאָגן דעם אמת,
כאָטש איין מאָל אין אַ פּורים.
אַזוי, ווי מיר טרינקען און עסן
און הייליק כאָווען די קינדער,
לאָמיר זאָגן דעם אמת
נאָך דעם פּורים ווידער.
ס׳קאָן זײַן: ס׳וועט ניט פּאַסן עפּעס
אין בית־המיקדש צו וווינען.
סוף־כל־סוף מיטן אמת
וועלן מיר צוגעווינען.

## זאָגט דער רבונו־של־עולם

זאָגט דער רבונו־של־עולם צו מיר: ״דײַן נשמה
וועט דעמאָלט מאַכן אין זיך שאַ־שטיל און בשלום,
ווען דו וועסט פֿאַרגעסן אירע אויגן און ליפּן,
ווען דו וועסט פֿאַרגעסן אויף אייביק זי, דײַן געליבטע,
אפֿילו איר קול דו וועסט ניט דערקענען ביזוואַנען...״
און פֿאָרט דער אייבערשטער איז געווען מיר אַ ביסל מקנא.

״אַך, - זאָגט דער רבונו־של־עולם, - אין גן־עדן
דו וועסט ניט וויסן וועגן קדחת און ליידן,
פֿון אייפֿערזוכט, וועגן פֿאַראַט פֿון חבֿרים...
הער מיך אויס! דו האָסט ניט קיין אַנדערע ברירה.
הער מיך אויס! - האָט דער גאָטעניו שטרענג מיר געטענהט...
און דאָך איז דער אייבערשטער געווען מיר אַ ביסל מקנא.

״אוי, - זאָגט דער רבונו־של־עולם, - זאָלסטו וויסן,
אַז שטענדיק ס׳וועט, ווי אַ ריכטער משפּטן דיך דאָס געוויסן.
זאָג זיך אָפּ פֿון דער פֿרוי! אַניט וועסטו ברענען
פֿאַמעלעך אין אייביקן שרעקלעכן גהינום.
אוי, איז דאָס פֿײַער דאָרט, ווי אין גאָרגלען פֿון ווולקאַנען...
און דאָך איז דער אייבערשטער געווען מיר אַ ביסל מקנא

* * *

וויִאַזוי דיר דערקלערן, זונעניו,
פֿאַרוואָס אָט דער גראָווער ייִד
מער פֿון דרײַ צענדליק יאָר
איז שוין אַן אינוואַליד.

וויִאַזוי דיר דערקלערן, זונעניו,
ווי אין אַ פֿינצטערער נאַכט
ער איז געווען פֿאַרוווּנדעט
און אַ פֿוס פֿאַרלאָרן אין שלאַכט.

וויִאַזוי דיר דערקלערן, זונעניו,
און ווער קאָן דערציילן, ווער,
פֿאַרוואָס טאָג און נאַכט ער זיצט
עלנט אין האַרבסטיקן סקווער?

פֿאַרוואָס, ווען דו לויפֿסט מיט קינדער
פֿאַרבײַ אים אין לופֿטיקן סקווער,
קײַקלט פֿון זײַנע אויגן
אַרויס אַ זקנישע טרער?..

דו קוקסט אויף מיר שטיל און נײַגעריק,
דעם ענטפֿער פֿון מיר דאָך וואַרטסט.
וויִאַזוי דיר דערקלערן, זונעניו,
עס זאָל ניט פֿאַרקלעמען ס׳האַרץ?

## אַ שטעכלער

מײַן שוועסטערל מירע
ניט געקאַרגט האָט די וואַסער –
געבאָדן אין מולטער
דעם קאָטער דעם ווײַסן.

דערנאָך האָט זי דעם שטעכלער
געפּרוווט מיט התמדה
ווישן און וואַשן,
רײַבן און באָדן.
באָדן דעם שטעכלער –
אַ מעשׂה אַ פּוסטע!
לאָז אים אָפּ בעסער
אין לײַבלעכע קוסטעס.

אויב ווילסט דאָך אים באָדן,
וואַרט אויס אַ רגע –
באַלד וועט אַ גיס טאָן
אַ וואַרעמער רעגן.

## פרימעוואַראַ[1]

*מײַנע לאַנדסלײַט פּאָעטן*

אײַ, מײַן וועסנע, מײַן שפּעטע פּרימעוואַראַ,
וויפֿל קאָן איך אויף דיר שוין האָפֿן און וואַרטן?
אפֿשר האָסט אויף בעסאַראַבער וועגן אַלטע
זיך פֿאַרבלאָנדזשעט, פֿאַרפּלאָנטערט, פֿאַרהאַלטן?
אפֿשר האָטסטו געפֿונען אַ קאַנט אַ שיינעם,
ווו עס ניט רוּיִקן פֿון מײַנע קרובֿים די ביינער?
אפֿשר האָסטו דורך אַלע געוויטערס און תּאבֿות
צו מײַן ערד געבענטשטער עפּעס־וואָסער טענות?
אָדער צו מיר? נאָר אין מײַנע ליידן און פֿריידן
קיינמאָל איך האָב דיך ניט באַעוולט, באַליידיקט.
קום זשע, מײַן פֿרילינג, מײַן שפּעטע פּרימעוואַראַ,
איך בין מיד שוין געוואָרן אויף דיר אַזויפֿיל צו וואַרטן!
און דער פֿרילינג האָט מיך פּלוצעם דערהערט,
און ס׳האָט אַ קוועל געטאָן ווידער די אייביקע וועלט.
איבער דעם באַרג, ווו אָסיענצײַט רײַפֿן ווײַנטרויבן,
האָט די זון זיך אַ קײַקל געטאָן פֿונעם ליכטיקן אויבן
און אַרײַנגעפֿאַלן גלײַך אין קילבלעכן ברונעם,
און מיט קלײַען האָט זיך באַדעקט מײַן פּנים,
און פֿונעם האַרצן האָט זיך אַ ליד אַרויסגעריסן, -
אַ מונטערע, לויטערע – פֿונעם פֿרילינג דאָס ריינע געוויסן...

[1] מאָלדאַוויש - פֿרילינג

* * *

ס׳איז עפּעס אַ ביסעלע מאָדנע,
פֿאַרשטיין כ׳וויל, וואָס עס באַטײַט:
ווי יאָרן גייט דורך די מאָדע,
ווי אַ מאָדע, גייט דורך די צײַט.

גאָרניט איך נעם ניט בײַ קיינעם,
דאָס לעבן פֿאַרברענג איך אין מי.
דעם גן-עדן אָדער דעם גיהינום
שאַפֿן דאָך מענטשן – מיר.

## דער שײַטער

ברענט אַ שײַטער,
אַ שײַטער העלט –
אַ רויטער רײַטער
אין מיטן פֿעלד.

פֿלִיִען פֿונקען
אין הימל הויך,
סע ווערט שוין טונקל
און קעלטער אויך.

די ערשטע שטערן –
געבוירן ריין.
פֿון פֿונקען ווערן,
מסתּמא זיי?

שײַטער, שײַטער,
געטרײַער פֿרײַנד,
מיר ליכטיק שײַנסטו,
מיך וואַרעמסט הײַנט.

אין שניי, אין כמאַרעס
דו ביסט מיט מיר.
באַגלייטסט מיך וואַרעם,
ווען איך בין מיד.

ברענט אַ שײַטער,
אַ שײַטער העלט –
אַ רויטער רײַטער
אין מיטן פֿעלד.

## רעגן־בויגן

דער פֿרילינג שפּילט אַ ניגון,
אַ ניגון - פֿאַרגעניגן....

עפּנט ברייטער אויף די אויגן!
הערט, ווי ס׳שעפּטשעט צאַרט דער רעגן!
באַלד וועט זײַן אַ רעגנבויגן,
באַלד, אָט באַלד! אָט נאָך אַ רגע...
כ׳לויף אויף אויסגענעצטע וועגן,
קול מײַנס הויך איז, אויפֿגעפֿלויגן:
- מענטשן, וואַרט נאָך אויס אַ רגע,

באַלד וועט זײַן אַ רעגן־בויגן!

## אַ שניי אין מאַרט

אַ גרויסע מציעה - אַ שניי אין מאַרט –
אַ שניי! איז וואָס איז אַ חידוש?
עס פֿאַלט דער שניי בײַטאָג און בײַנאַכט.
שעלט איך אים פשוט אויף ייִדיש.

עס שנייט אַ מעת־לעת, עס שנייט שוין אַ וואָך.
און פלוצעם איך הער און דערזע:
רינוועלעך שפּילן די כּלי־זמר נאָך,
די אָפּערע פֿון ביזע.

וואָס איז? ס׳איז געקומען דער פֿרילינג מסתּם?
כ׳בין אויפֿן וועטער אַ מבֿין.
איך פֿיל מיט די ליפּן פֿון פֿרילינג אַ טעם,
ווי אַ וואַרעמען קוש פֿון אַ מיידל.

**קומט!**

**קומט מיט מיר פֿאַרנאַכט אין טײַגע!**
**מירן בלאָדזשען ביזן אָוונט**
**און פֿאַרגעסן אַלע דאגות**
**אין דער וועלט, וואָס ליכטיק בלוי איז...**

## צום טרומייטער

אין קאַיאָריקער בלויקייט,
נאָך דער נאַכטיקער שרעק,
יונגער טרומייטער,
רוף מיך אין וועג!

דורך בלעטערפֿאַלן,
געוויטערס און שניי,
דורך ווינט און ווונדן
פֿאָרויס וועל איך גיין.

אַ זון־שטראַל אַ הייסן
דערהויבן איך וועל,
זאָל פֿון מיר זײַן געוואַרעמט
די וועלט און באַהעלט.

די זון אייביק שײַנט,
די וועלט אייביק שטייט.
שפּיל זשע, טרומייטער,
אויף דײַן טרומייט.

דו פֿון דײַן פּאָסטן
גיי ניט אַוועק.
יונגער טרומייטער,
רוף מיך אין וועג.

## מײַן האַרץ

דורך פֿעלדער און וועלדער, דורך היצן און קעלטן
איך גײ און איך יאָג. און דאָס האַרץ מײַנס קערט וועלטן.
און אויב נאָר בײַ עמעצן ברויזט אויף אַ ווייטיק,
רופֿט אָפּ זיך מײַן האַרץ דערויף באַלד טאַקע, תּיכּף!

זײַ מוחל, מײַן האַרץ, פֿאַר דער דאָזיקער דאָליע,
וואָס לעבן איך קאָן ניט שאַ־שטיל און פּאַוואָליע,
פֿאַר דעם, וואָס מיט ווינטן איך בלאָנקע געאַרעמט,
און גרייט בין צו לויפֿן אויף יעדן אַליאַרעם...

## מאַמע־לשון

איך האָב, מײַן פֿרײַנד, צו דיר אַזאַ בקשה:
דו רעד מיט מיר אויף אונדזער מאַמע־לשון.

אין ווײַטע אָפּקלאַנגען פֿון ליבע און פֿון שׂינאה
כ׳הער פֿון מײַן שפּראַך די לויטערע נגינה.

אין טעג אין זוניקע און גרויע, ווי אַ מאָנטיק,
כ׳האָב יִידיש ניט געלערנט, נאָר דערמאָנט זיך.

זײַן שײַן אין האַרץ – זי ווערט ניט אויסגעלאָשן.
דו רעד מיט מיר אויף אונדזער מאַמע־לשון.

## אַ דערמאָנונג

אויף דער נאַכט איז געוואָרן שטילער דער ווינט
און מיט ריחות פֿון גראָזן האָט געשמעקט אינעם רוים.
אַ וואָלקן האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין אַן אַקאַציע־בוים,
ווי גלײַך אין אַ מאַמעס קליידל כאַפּט אָן זיך אַ קינד.

דער טאָג איז שוין אָפּגעוועזן זײַן צײַט,
אָפּגעשטעלט זיך בײַ אונדזער פּלויט,
און די לבֿנה, פֿאַרבענקט און פֿאַרטרויט,
האָט מיט האָפֿענונג געקוקט פֿון דער ווײַט.

איינמוטיק געבילט האָבן די שכנישע הינט
בײַ אבֿרהמען דעם קאָוואַל, בײַ דער שנײַדערקע זלאַטע.
פֿון דער אַרבעט איז שוין געקומען דער טאַטע...
אויף דער נאַכט איז געוואָרן שטילער דער ווינט.

## אין מײַנע קאַנטן

אין מײַנע קאַנטן שאַ און שטיל,
די ביימער אין דעם אָוונט שווימען.
זיי נעמען זיך פֿאַר מיר באַרימען
מיט זייער אײדלער סודות־שפּיל.
די שוואַכע זון קוקט דורך אַ בריל,
זי בראָט שוין ניט מיט שטראַלן הייסע,
און פּלוצעם איך פֿאַרשטיי נאָך בעסער,
פֿאַרוואָס עס איז דאָ שאַ און שטיל,
פֿונוואַנען הערט מען עפּעס רייד.
ס׳קאָן זײַן, דאָס פּאָרל טרוימט פֿון פֿרייד.
דאָס פּאָרל זיצט – ס׳איז מלא־חן.
איך וויל זיי גאָרניט שטערן.
אָט לויכטן שוין די ערשטע שטערן...
מע דאַרף, אַפּנים, גיין אַהיים.

* * *

אויפֿן שליאַך גערוימען,
אויף די גאַסן ריינע
הוידען מיט די קרוינען
אומרויִקעביימער.

און ווי מיידלעך זיסע,
שוין פֿון לאַנג באַקאַנטע,
פֿרײַנדלעך מיך באַגריסן:
- אַ גוט מאָרגן, זיסי!

לויפֿן די מאַשינען,
בלישטשען מיט די שויבן.
ווי די פֿלוימען גרינע -
דײַנע שיינע אויגן.

פֿון דער לופֿט כ׳בין שיכּור,
שיכּור פֿונעם זומער.
זאָל איך ווויל באַקומען
דער זומער מיט די בלומען.

## פֿאַרלאָז מיך ניט

פֿאַרלאָז מיך ניט, מײַן טרוים.
אויב כ׳וועל אין וועג מיד ווערן,
סײַ ווי סײַ כ׳וועל גערן
נאָכפֿליִען דיר אין רוים.

פֿאַרלאָז מיך ניט, מײַן טאָג.
דורך חושך און זאַווייען
שטיל אײַן דו מײַנע ווייען,
ווען ס׳איז קיין ליכט ניטאָ.

פֿאַרלאָז מיך ניט, מײַן היים.
כ׳וועל אויך דיך ניט פֿאַרלאָזן –
די שטוב, דעם הויף אין גראָזן –
דעם אַלטן קבֿרות־שטיין.

פֿאַרלאָז מיך ניט, מײַן וועג.
אַן ערבֿניק בײַם גורל,
איך האָב פֿאַר דיר ניט מורא,
דו פֿיר מיך ניט אַוועק.

פֿאַרלאָז מיך ניט, געדאַנק.
זײַ תּמיד העל און לויטער.
אַזאַ מין לעבן – ס׳לוינט מיר,
נעם אויף אַ שיינעם דאַנק.

# דער לץ

זאָגט, ס׳איז באַקאַנט אײַך
דער שטעטלשער לץ
וואָס טראָגט ניט די וואַסער
אין עמערס – אין נעץ?

געשיקט האָט ער מיר
אַ האַרציקן גרוס
מיט אַ פּאָר שיך –
בלויז אויף איין פֿוס!

צום פֿרײַנד מײַנעם, לץ,
כ׳בין געקומען צוגאַסט,
האָט ער מיך מכבד
געווען מיטן קוואַס.

כאָטש ס׳איז ניט קיין משקה,
דאָס געטראַנק - אַ מחיה.
מיר האָבן געמאַכט
אָן אַ סוף דעם ״לחיים״

אויב ווילסט מיטן לץ
זיך באַקאַנען, למשל,
פֿאָר צו אין מײַן שטעטל
פֿאַר אַ פּאָר גראָשן!

## עס טראָגט מײַן זכּרון

מיר האָבן געלעבט אין אַן אַלטער גאַס,
וואָס איז געווען פֿון אַקאַציעס ווײַס.
ווי לײַכט עס האָט זיך דעמאָלט געשפּאַסט,
ווי פֿריילעך געווען איז דער זוניקער קרײַז!

מיט קאַוועניעס האָט געשמעקט אונדזער הויף,
אַ געמיטלעכער ווי אַ נעסט.
פֿונעם לעבן יעדער שרויף
געווען איז פֿאַרדרייט און צוגעפּאַסט פֿעסט.

די מאַמע הענגט אַרויס דאָס גרעט,
און עס פֿלאַטערט און קלאַפּט אויפֿן שטריק.
אַ זעגל צו ווערן דער לײַלעך איז גרייט.
ער טראָגט מײַן זכּרון צום אָנהייב צוריק.

## צום לייענער

ווער האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף זיצן שיבֿעה
נאָך דעם ייִדישן וואָרט געבענטשטן?
לויפֿן די יאָרן, איך בין שוין אַ בן־שבֿעים...
דאַנקען גאָט, ייִדיש לעבט צווישן מענטשן.

מע האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז די וואָרצלען
וועלן אַ שפּראָץ טאָן דאָרט, ווּ מע וואַרט ניט...
וויפֿל באַשערט מיר איז אויסשפּאַנען וויאָרסטן,
וועט מיר ייִדיש די וועגן באַלײַכטן!

* * *

װען סע שטאַרבט אָפּ אַ בוים,
פֿאַלן אַראָפּ די בלעטער.
בלעטער גרינע און געלע
פֿאַלן שטיל, ניט געשווינד.
װען סע שטאַרבט אַ פּאָעט,
פֿאַרבלײַבן די לידער די העלע,
און װי יתומעלעך, קלאָגעדיק,
ציטערן זײ אױפֿן װינט...

# דעם טאַטנס ניגון

*אויפֿן וועג שטייט אַ בוים,*
*שטייט ער איַינגעבויגן.*
*אַלע פֿייגל פֿונעם בוים*
*זיַינען זיך צעפֿלויגן...*
*איציק מאַנגער*

אפֿילו אין חלום,
אפֿילו אין טרוים
עס שטייט פֿאַר די אויגן
דער אַלטינקער בוים.
ווּ זיַינען די בלעטער?
עס ווייסט בלויז דער ווינט.
ווּ זיַינען די פֿייגל?
אַנטלאָפֿן געשווינט.
אַנטרונען געוואָרן,
צעזייט און צעשפּרייט,
אין קאַלטן פֿרימאָרגן
מיט נעפּל באַגלייט...
דעם טאַטנס נגינה
איך האָב פֿאַרגעדענקט.

נאָך אייגענער קינדהייט
כ׳גיי נאָך און איך בענק.
דעם טאַטנס אַ ניגון
נעמט שפּרייטן זיך שנעל,
דאַ ווידער די בלעטער
צערינען זיך העל.
דער פֿייגל־געפּילדער
נעמט שאַלן אין רוים,
און פֿעסט אויף דער ערד
שטייט מיט וואָרצלען דער בוים.

* * *

שעקספּירן וועלן נאָך קומען.
די וועלט מיט זיי שוין שוואַנגערט.
טראַדיציעס קורצע און לאַנגע
זעצן זיך פֿאָר אין אומעט.

עס דרייט זיך גלגל-החוזר,
די וועלט וועט אירס נאָך באַקומען...
זעצן זיך פֿאָר די טראַדיציעס, -
שעקספּירן וועלן נאָך קומען.



זיסי ווייצמאַן אין דער רעדאַקציע פֿון ״ביראָבידזשאַנער שטערן״, 1984

# זיסי ווייצמאַנס ייִדישע אַריפֿמעטיק

מיט זיסי ווייצמאַנען זײַנען מיר באַקאַנט הונדערט יאָר. איצט איז ער כמעט 70 יאָר אַלט. און במשך כּמעט 50 פֿון זיי שרײַבט ער לידער אויף ייִדיש. אָט אַזאַ ייִדישע אַריפֿמעטיק...

שטאַמען שטאַמט ער פֿון בעלץ, און אָט דער שטעמפּל פֿון צעכראַסטעטער כוליגאַנישער בעסאַראַבישקייט און פֿון פּונקט אַזאַ צעכראַסטעטער, אפֿילו מסירות־נפֿשדיקער גוטהאַרציקייט לאָזט זיך צו פֿילן אין זײַן יעדער וואָרט, ליד, טאַט.

האָב איך אָנגעשריבן דאָס וואָרט ״טאַט״ און אַ טראַכט געטאָן: און ווי אַזוי קאָרעלירט עס זיך מיט מײַן פֿרײַנד ווייצמאַן? און איך האָב פֿאַרשטאַנען: עס קאָרעלירט זיך גאָר שטאַרק. ווײַל זיסיס לעבן - דאָס גאַנצע לעבן! – איז אויסגעוועבט, צונויפֿגעלייגט פֿון טאַטן, ווי אַ בונטער און ניט־פּשוטער פּאַזל.

ער – דער עלטסטער צווישן די דרײַ ברידער ווייצמאַן (דער צווייטער – אַראָנטשיק, דער דריטער - מאָנטשיק, מענדל) - האָט אָנגעהויבן שרײַבן אויף ייִדיש. אגבֿ, ניט בלויז ער האָט אַזוי געטאָן, נאָר אויך אַ קליינע גרופּע בעסאַראַבער – איצטיקע ייִדישע שריפֿטשטעלער, וועמענס נעמען קלינגען אין אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור: באָריס סאַנדלער, דער איצטיקער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער עלטסטער אין דער וועלט ייִדישער צײַטונג ״פֿאָרווערטס״, די דיכטערס משה לעמסטער, מיכאל פֿעלזענבאַום, לעוו בערינסקי, די זשורנאַליסטן און איבערזעצערס מיכאל כאַזין, אלכּסנדר בראָדסקי.

און מיט זיי – אויך זיסי ווייצמאַן, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיך דרוקן אויף ייִדיש פֿריִער פֿון זיי אַלעמען, נאָר ביז איצט ניט אַרויסגעגעבן אויף מאַמע־לשון קיין איין ביכל. און אָט האַלט איר עס אין די הענט – זײַן ערשט ייִדיש ביכל.

איך וועל אָבער זיך אומקערן צום וואָרט ״טאַט״. אין יענע יאָרן איז אַ סך באַקוועמער און זיכערער געווען שרײַבן אויף רוסיש, און ניט אויף מאָלדאַוויטש, שוין אָפּגערעדט וועגן ייִדיש. אָבער זיי, אָט די בעסאַראַבער, האָבן אָנגעהויבן שרײַבן טאַקע אויף ייִדיש.

איז עס אַ טאַט? בלי־ספֿק.

אין אונטערשייד פֿון זיי, האָב איך ניט געוואַגט, ניט געפֿילט קיין חשק צו שרײַבן אויף מאַמע־לשון. אין יענע יאָרן האָב איך אָנגעהויבן פּרוּוון מײַנע כּוחות אין ווערסיפֿיקאַציע אויף רוסיש, הגם מײַן מאַמע, ז״ל, אַ געבוירענע אין אָדעס, האָט מיך דעמאָלט שוין געלערנט איר מוטערשפּראַך. אמת, האָב איך פֿאָרט אָנגעשריבן אַ פּאָר לידער אויף ייִדיש. אָט דערמאָן איך זיך די לעפּישע שורות פֿון איינס פֿון זיי:

*פֿאַר וועמען - דער טאָג, וואָס ער שײַנט אויף די בלעטער?*
*פֿאַר וועמען – די זון, וואָס זי בלענדט אינעם טײַך?*
*אוי, טײַערע מײַנע, אין באַליביקן וועטער*
*מע דאַרף זײַן אַ מענטש – יעדן איינעם פֿון אײַך...*

אַזוי איז געשען אין מײַן לעבן, אַז אין יענע יאָרן, ווען מיר האָבן זיך באַקענט מיט ווייצמאַנען, האָב איך פֿאַרלאָזט דעם שמידערײַ־צעך פֿונעם ביראָבידזשאַנער זאַוואָד ״דאַלסעלמאַש״ און כ׳בין איבערגעגאַנגען אין 1971 אַרבעטן אין רעדאַקציע פֿון דער רוסיש־שפּראַכיקער צײַטונג

״ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ״. זי האָט זיך געפֿונען אויפֿן דריטן שטאָק פֿון אַ שיינער געבײַדע אויף לענין־גאַס, און דעם צווייטן שטאָק האָט פֿאַרנומען די רעדאַקציע פֿון ״ביראָבידזשאַנער שטערן״, דער איינציקער אין פֿססר יִדישער צײַטונג, וועלכע איז דערשינען פֿינף מאָל אַ וואָך אונטער דער באַשטענדיקער השגחה פֿון איר געניטן רעדאַקטאָר נחום קאָרטשמינסקי. דווקא ער האָט מיך איבערצײַגט אין 1974 אַיבערגיין פֿון דער רוסישער צײַטונג אין דער יִדישער. און איך בין דאַנקבאַר קאָרטשמינסקין פֿאַר דעם, וואָס ער האָט געפֿונען ריכטיקע ווערטער כּדי מיך איבערצײַגן אין דער וויכטיקייט פֿון אַזאַ טראָט.

און אָט האָב איך זיך געוואַגט אַזוי, ווי בערך אין די זעלבע יאָרן האָבן זיך געוואַגט - נאָר אין מאָלדאַוויע - סאַנדלער, לעמסטער, פֿעלזענבאַום. און אויך זיסי ווייצמאַן.

וועגן וואָס טראַכט יעדעס יִדיש ייִנגל, ווען פֿאַר אים עפֿנט זיך די וועלט?

ער דאַרף אוודאי אָבליגאַטאָריש אײַנאָרדענען תּחילת זײַן וווינונגס־לאַנד און דערנאָך – די גאַנצע וועלט. זיסי האָט באַשלאָסן אָנהייבן דאָס אײַנאָרדענען... פֿון זיך אַליין, און ער איז געוואָרן אַ מיליטערישער בויער. אין 1965 איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין אַרמיי, און נאָך דער טערמין־דינסט איז ער געגאַנגען זיך לערנען אין אַ מיליטערישער בויונגסשול אין פּושקינאָ, הינטער לענינגראַד.

דערנאָך האָט ער געדינט אין אַ בוי־באַטאַליאָן הינטער דער שטאָט סוואָבאָדני פֿון דער אַמורער געגנט, גאָר ניט ווײַט פֿון ביראָבידזשאַן. און דאָס איז שוין געווען דער גורל.

איין מאָל איז ער געקומען צו פֿאָרן אין ביראָבידזשאַן (דאָס איז געווען מיט 45 יאָר צוריק), האָט זיך באַוויזן אויפֿן שוועל

פֿון רעדאַקציע־קאַבינעט און ראַפּאָרטירט: ״סטאַרשי לייטענאַנט זינאָווי ווייצמאַן פּאָ וואַשיי פּראָסביע פּריביל!״ (״דער עלטערער לײַטענאַנט זיסי ווייצמאַן איז לויט אײַער בקשה אָנגעקומען!״).

זיסי איז געקומען מיט אַן אָפּגעריבענעם פּאָרטפֿעל, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַ קופּע צעקנייטשטע בלעטלעך, בלאָקנאָטן, בלאַנק־פֿאָרמולאַרן פֿון בוי־אויפֿגאַבעס, וואָס אויף זייערע לינקע זײַטן איז עפּעס געשטאַנען געשריבן מיט גרויסע אותיות, מיט אַ קלאָרער האַנטשריפֿט. ער האָט געשריבן ניט פֿון לינקס אויף רעכטס, ווי ס'איז פֿאַרפֿירט געווען בײַ נאָרמאַלע סאָוועטישע בירגער, נאָר פֿון רעכטס אויף לינקס, ווי בײַ ניט אין גאַנצן נאָרמאַלע, דהײַנו – ווי בײַ ייִדישע דיכטערס...

האָב איך זיך באַקענט מיט ווייצמאַנען און זיך פֿאַרליבט אין זײַנע לידער - צומאָל ניט־דערבאַקטע, נאָר אַלע מאָל אויפֿריכטיקע און גוטהאַרציקע. איך האָב אָנגעהויבן זיי ״דורכשטופּן״ (אין מײַן רוסישער איבערזעצונג) אין כלערליי ווײַט־מיזרחדיקע אויסגאַבעס...

איין מאָל בשעת אַ פֿרײַנדלעכער ליאַמע האָב איך בײַ אים געפֿרעגט:

- זיסעלע, און צו וואָס דאַרפֿסטו עס האָבן - שרײַבן אויף ייִדיש? גיי אַריבער צו רוסיש!

דער עלטערער לייטענאַנט האָט כמורנע אויף מיר אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

- איך קען, אוודאַי. אָבער איך וויל ניט.

און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

איך האָב געוואַרט אויף אַ פֿאָרזעצונג. ער האָט עס דערפֿילט און כיטרע אַ שמייכל געטאָן:

- לאָמיר אויסטרינקען נאָך. ווייסטו, פֿאַר וואָס וויל איך ניט? כּדי דיך, דעם איבערזעצער, ניט איבערלאָזן אָן אַרבעט...

און ער האָט טאַקע ניט איבערגעלאָזט מיך אָן אַרבעט: איין מאָל אין צוויי וואָכן פֿלעג איך באַקומען פֿון זיסין אַ בריוו מיט נײַע לידער. איין מאָל האָט ער אָנגעשריבן: "ווייסטו וואָס? הײַנט איז אין אונדזער מיליטערישער טייל געווען אַ קאָנטראָל־אינספּעקציע פֿון מאָסקווע. און איינער אַ ניט־דערמאַכטער פּאָלקאָווניק פֿונעם גענעראַל־שטאַב האָט דערזען אויף מײַן טומבעטשקע בײַ דער בעט אַ פֿרישן נומער פֿון "ביראָבידזשאַנער שטערן". "וואָס איז דאָס פֿאַר אַ ציוניסטיש בלעטל אין אונדזער אַרמיי?!" - האָט ער זיך צעשריגן. האָב איך אים רויִק געענטפֿערט: "חבֿר פּאָלקאָווניק, ס׳איז ניט קיין ציוניסטיש בלעטל. דאָס איז אַ געגנטלעכע צײַטונג, דער אָרגאַן פֿונעם ייִדישן געגנטקאָם פֿון קפּסס". – "איך ווייס ניט קיין שום ייִדישע געגנטקאָמען. זיי קאָנען ניט זײַן אין אונדזער לאַנד לויט דעפֿיניציע!" – און דער פּאָלקאָווניק פֿונעם גענעראַל־שטאַב איז אַוועק אין באַגלייטונג פֿון ייִנגערע אָפֿיצירן".

אין אַ צײַט אַרום איז זיסי ווייצמאַן ווידער געקומען צו פֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן און האָט ווידער געלייענט זײַנע לידער. צווישן זיי איז געווען אויך "אַ געשפּרעך מיט אַ פּאָלקאָווניק".

- וואָס? דאָס איז אַ ליד וועגן יענעם זשלאָב, וואָס דו האָסט מיר געשריבן וועגן אים? - האָב איך געפֿרעגט.
- ניין, דאָס איז וועגן מײַן איצטיקן נאַטשאַלניק פֿון אונדזער טייל.

דאָס ליד איז געווען אַזאַ:

*- חבֿר פּאָלקאָוניק, חבֿר פּאָלקאָוניק,*
*פֿון וואַנען איר שטאַמט: פֿון בערדיטשעוו, פֿון קאָוונע?*
*זײַט מוחל, איך בעט, פֿאַר דער דאָזיקער קשיא –*
*נאָר די אויגן בײַ אײַך – ווי צוויי שוואַרצע קאַרשן,*
*די האָר - פּונקט ווי מײַנע, די נאָז – ווי בײַ מיר...*
*שטיל דער פּאָלקאָווניק פֿאַרמאַכט האָט די טיר...*

*ער רייכערט פֿאַרקלערט גאָר אַ פֿילטער־ציגײַער:*
*"זאָג, קודם־כּל, לייטענאַנט, דו מײַן טײַערער,*
*אויף מאַמע־לשון מיט מילדקייט און חן,*
*ווו איז אונדזער געבענטשטע היים?*

אגבֿ, אין דעם זעלבן אָוונט האָב איך עס איבערגעזעצט אין רוסיש. מיר איז אויסגעקומען איבערזעצן אַ סך ייִדישע דיכטערס – עמנואל קאַזאַקעוויטש, דאָרע כײַקינע, בוזי מילער, חייםביידער, איציק בראָנפֿמאַן, ליובע וואַסערמאַן, נחום פֿרידמאַן, משה שקליאַר, אָבער איבערזעצן ווייצמאַנען איז פֿאַר מיר געווען ניט קיין אַרבעט, נאָר פּשוט אַ מחיה. אָט איז למשל, זײַן ליד "די חתונה":

*די חתונה האָט געברויזט, ווי ביר,*
*אין דער פֿרי איז צום סוף געקומען.*
*דאַרף מען מאַכן דעם חשבון מיר,*
*וואָס האָט יעדער פֿון איר באַקומען.*

*אַ שיינעם טיש – דעם עולם געשטעלט,*
*אומרו – די שכנים, קינאה – די שׂונאים,*
*דער אַלטער מאַמעניו מײַנער - אַ פֿרייד,*
*אַ בכּבֿודיק אָרט – די שדכנים.*

*דעם, וועל עס טרינקט - אַ ים פֿון וויַין,*
*דעם, וועל עס טאַנצט – פֿון ״פֿריילעכס ״ אַ שטורעם...*
*אָבער מיר, חבֿרה, - אַ יונגע וויַיב.*
*מער פֿון אַלע איך האָב באַקומען!*

ווען די אַוואַנטור מיט דער ״בויונג פֿונעם יאָרהונדערט״ - בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל האָט אין אַ גוטער שעה געפּלאַצט, האָט ווייצמאַן נאָך צוואַנציק יאָר דינסט אויפֿן ווײַטן מיזרח זיך געפֿונען אין 1986 אין סאַמאַרע. זײַן מיליטער־דינסט האָט זיך פֿאָרגעזעצט. אין דער פֿרײַער פֿון דער דינסט צײַט איז ער געוואָרן אין די ״פּערעסטרויקע״־ צײַטן אַן אַקטיוויסט פֿון דער אָרטיקער ייִדישער געזעלשאַפֿט ״תּרבות לעם״. צוזאַמען מיט אַלכּסנדר בראָד – איצט איז ער דער דירעקטאָר פון מאָסקווער ביוראָ פֿאַר מענטשנרעכט - האָט ער געגרינדעט ״תּרבות״ – איינע פֿון די בולטסטע אין יענער צײַט ייִדישע צײַטונגען, און איז געוואָרן דער שטעל־ פֿאַרטרעטער פֿון איר רעדאַקטאָר. ער איז געשטאַנען בראש פֿון דער ייִדישער רעדאַקציע פֿון ״ראַדיאָ 7״ וואָס מע האָט זי לויט אַן אַנאַלאָגיע מיט דער פּאָפּולערער ישׂראלדיקער ראַדיאָ־סטאַנציע גערופֿן ״ערוץ שבֿע״. אין 1992 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ביכל לידער מיטן נאָמען ״לחיים!״ אין איבערזעצונג אויף דער רוסישער שפּראַך.

פֿאַר זײַנע לערערס אין דיכטונג האַלט זיסי לייב קוויטקאָן, פּרץ מאַרקישן, שמואל האַלקינען, איציק פֿעפֿערן, משה טייפֿן - אַ רעפּרעזענטאַטיווע און גאַנץ פֿאַרשידנאַרטיקע רשימה. אויף דעם איז ער אָבער זיסי ווייצמאַן, כּדי צונויפֿקלײַבן אַ קאָליריקן פּאַזל פֿון זײַן אייגענער דיכטונג ניט בלויז פֿון אונטערגעהערטע געשפּרעכן, גאַסן־סצענעס, קינדהייט־ דערינערונגען, נאָר אויך פֿון אַ טיפֿן ברונעם, וואָס איז פֿול

מיט מים־חיים פֿון אונדזער מאַמע־לשון און אונדזער געשיכטע...

אין 2006 אין דער ווײַטער סאַמאַרע, אויפֿן ברעג פֿון דער וואָלגע, האָט ער סוף־כּל־סוף אויפֿגענומען דעם וויכטיקן באַשלוס - אָנגעהויבן פּאַקעווען די טשעמאָדאַנען. צוויי זײַנע זין לעבן שוין פֿון לאַנג אין ארץ־ישׂראל. און זײַנע צוויי ברידער זײַנען אויך דאָ. און שוין אַ פֿערטל יאָרהונדערט וווינט דאָ זײַן ״פּערסאָנאַלער״ איבערזעצער. ווידער – די זעלבע ״ייִדישע אַריפֿמעטיק״... בקיצור, אין מײַ 2007 איז ער געקומען צו פֿליִען אין דעם לאַנד און האָט זיך באַזעצט אין באר־שבֿע - דאָרט, וווּ שוין אַ לאַנגע צײַט וווינען זײַנע ברידער.

אין באַראַקן און קאַזאַרמעס פֿון טשעגדאָמין, סוואָבאָדני און פֿון אַנדערע סטאַנציעס פֿון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל, אין מײַן ביראָבידזשאַנער קיך און אין זײַן סאַמאַרער דירה פֿלעגט דער אָפֿיציר פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי און דער ייִדישער דיכטער זיסי ווייצמאַן זיך צוזעצן צום טיש און דראַקען עפּעס פֿון רעכטס אויף לינקס. צו מאָל פֿלעגט ער קוקן אין פֿענצטער, רייכערן זײַן אומענדלעכע ציגאַרעט אָן פֿילטער און ווידער דראַקען זײַנע פּאָעטישע שורות.

זײַן ערשט ייִדיש ליד האָט זיסעלע אָנגעשריבן אין 1969, און דאָ, אויף דער ערד פֿון ישׂראל, האָט די מוזע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַנע אַקסלען מיט פֿערציק יאָר שפּעטער, אין 2009. און זײַן עיקרדיק ליד, גלייב איך, איז נאָך אין דער צוקונפֿט.

*לעאָניד שקאָלניק*

*ירושלים, מערץ 2016*



ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור